# פיניעלע מזיק

## ניט לשון



ני, מאמער שוין שיוויעס אכעט! צ׳וויסיז וואס בעב ענק זוגן? אז באניש קא נוע פין דעיעם גאנצן שיוויעס. כאב ליב די גרינע לאבינדזשים, די מילכי־קע עסינים לאד איעך ניש. באניש ליב די מילכיקע לאקשן, די זארע פיש מיט שמאנט, די גישמאלצינע ציטאפל מיט זאער מיליך, כ׳לאד ניש דעיעם קעיז־קיכן מיט די קעיזקרעפליך — א גאנצן שיוויעס איז מיער זאער אין פיסק אין גרין פאר די אויגן.

א ביין די מילכיקע עסינים אב איעך ליב דעיעם שיוויעס. דעים עירשטן טוג שיוויעס אין דער פרי, נעם איעך איעך ציניזאמעט מאנע קילעגים פין שמולן געסל אין מיערנייען אף א מייאיפקע, אמולט זענע מיער גיגאנגען אין קאליענורטן אראן. האנט גייען מיער אין אנשטאטס גורטן אראן. מ׳נעמט זיך מיט ברויט מיט פיטער, מיט רישכוידיש־רעיטיכליך. מיט טשיפיארעק. אין מ׳האקט א סידע וויער מיער גיצ־קינט.

דינאעך אז מאט שוין איבערגידיבן די זאוויא־פעם טיט מע זיך לוטקיווין אף די לוטקים. דינועך גיט מען צי די באיעס איעך טי מאנע קילעגים פע־טאטשען וואס יעדע באיע איז. ווי זי הייסט. אין וואסער ווארף איעך אראן קרישיליך פאר די פיש— ס׳איז לעיבידיק אין ליסטיק!

דעים שיוויעס אב איעך ליב נאר די מילכיקע עסינים לאד איעך ניש!

דעוואל אצין מיער א גיטן פריילכן שיוויעס אין זאצין מיער גיזינט.

---

## פארוואס עסען יודען מילכיגס אום שבועות?

יודען עסען מילכיגס אום שבועות דערפאר, ווייל ביז מתן תורה זענען יודען געווען נישט מילכיג נישט פליישיג, האט דער רש״ע פאר זיי געמאכט א מילכיג סעודהלע.

— פארוואס האט ער שוין נישט געמאכט א פליישיגעסעודה?

— גאר פשוט: ווייל צו עסען פלייש וואלט מען ראך געדארפט האבען שוחטים, וואלטען די געגנער געוואלט האבען געגנער שוחטים און די אלעקסאנדע־רער — אלעקסאנדערער שוחטים, כדי נישט צו־שטערען דעם יום טוב איז געבליבען צו עסען מילכיגס.

בעניעלע זאלץ.

—=—

# רות און בועז

## פון גראף קאלי

ניִשט אזוי איז רות געווען
ווי די היינטיגע מאמזעלען
האט זיך נישט אזוי געחנדעלט
נישט אזוי געוואלט געפעלען...

האט די האהר זיך נישט געטליענעט
נישט בענוצט קיין פודער, שמינקע,
נישט געמאכט זיך פון ברונעטקע,
פאר א יאסנענקע בלאנדינקע...

צו די וואונדערשעהנע ליפען
נישט בענוצט גאר קיין פאמאדע
נישט בעשטעלט זיך אויף א ראנדקע
אין „זשעמיאנסקי״ „עספלאנאדע״...

נאר בעשיידען פול מיט צנועות
כאטש געגליהט האט זי ווי פייער...
שפעט ביינאכט גאר שטיל פערבלאנדזשעט.
דארט צו בועזן אין שייער...

בועז ליגט ביינאכט פערזונקען
אין א זומער־שלאף א זיסען
און ער ווייס נישט דער שלימזל
ווער עס ליגט ביי איהם צופיסען..

בועז האט זיך שטארק דערשראקען
אויפגעשוידערט דורך דער דעק:
— הלואי אויף מיר, גראף קאלי,
איך זאל האבען אזא שרעק...

# ווען הינט בילען

אין דער נאכט
ווען די בערנער ריכטער האבען בעטראכט
די „זקני ציון פראטאקאלען״,
און האבען שטארק אנגעקוואלען,
פון דעם עקספערט פליישהויער,
וועלכער האט ווי א פראסטער פויער,
אין לאנגען דויער,
גערעדט טויזענטער שטותים,
און האט מיט אלע זיינע חושים,
געוואלט ווייזען שווארץ אויף ווייס,
אז די נייעס,
וואס יודען ווילען פערכאפען די וועלט,
איז אין ריכטיגע ראהמען געווארען געשטעלט,
אין דער אייגענער נאכט,
האבען גאנץ בעזאכט,
צוויי פריינט שפאצירט,
און געמיטליך דיסקוטירט,
פארוואס די „פראטאקאלען פון די זקני ציון״
לאזט די אנטיסעמיטען־קליקע נישט רוהען?
כאטש דער שקר שטעכט דאך אין די אויגען,
אלע ווייסען אז דאס איז פון פינגער אויסגעזויגן
דאן איז פלוצלונג א מחנה הינט,
ווי א שטורעם ווינט
אויף די פריינט בעפאלען מיט א האווקען און מיט א בילען

וועלענדיג די הינט איינשטילען,
האט איין פריינט גענומען מיט א שטיין צילען
געוואלט מיטן שטיין טרעפען אין א הינטישען קאפ.

— ליבער פריינט, לאז אפ! —
זאגט דער צווייטער צו איהם:
אז הינט זאלען ווערען פלוצלונג שטום,
וועסטו מיט א שטיין עס נישט מאכען
זייער ברוטאליטעט וועסטו דערמיט נישט אפ־שוואכען,
נאר דו וועסט זיי צורייצען מעהר,
בייזע הינט צו בערוהיגען איז זעהר שווער,
ווייל זייער נאטור הייסט זיי האווקען און בילען
טא לאז די הינט זייער הינטישע פליכט ערפילען
מיר ברויכען אין אונזער וועג פארווערטס גיין,
— אי די הינט? זיי וועלען אזוי לאנג שארפען די ציינער,
ביז ס׳וועט זיי אין האלז טרוקען ווערען
דאן וועלען זיי האווקען און בילען אויפהערען.

א. איטקין

## דער שיכור צום פלעשעל

שיכור (צום פלעשעל): זאג מיר, פלעשעל, דו ביזט פול מיט שנאפס, פאר וואס פאלסטו נישט פון די פיס?

פלעשעל: ווייל איך בין פול ביז צום האלז, און דו איבערן האלז.

א. איטקין.

## דער עגל הזהב

פארוואס איז פון דעם גאלד וואס יודען האבען געווארפען אין פייער אריין, ארויסגעשפרונגען א קאלב?

ווייל נעהמען גאלד און ווארפען אין פייער אריין דאס איז מעשה בהמה און פון א בהמה קומט ארויס א.. קאלב.

בעניעלע זאלץ.

## פון יעקע־לאנד

### שטיקלעך און ברעקלעך

א דייטשער דיפלאמאט האט זיך אויסגעדריקט, אז יודען דארף מען נישט נעהמען צום מיליטער, נאר צום ים־דינסט דארף מען זיי יא נעהמען, ווייל יודען, זאגט ער — נעהען קיינמאל נישט אונטער...

---

א יודישער סטאטיסטיקער האט בערעכענט, אז אין דייטשלאנד געפינען זיך 65 מיליאן יודען, ווייל יעדער נאצי — זאגט ער — האט זיך זיין יוד.

---

אויף דער באהן פאהרען צוויי פרויען, איינע איז פון דייטשלאנד די צווייטע פון פוילען.

— וואס איז איהנס מאן אין דייטשלאנד? — פרעגט די פוילישע.

— „מיין מאן איסט איין שלעכטער (שוחט), ענטפערט די פרוי פון דייטשלאנד, און איהנס מאן, וואס איז?

— מיין מאן, ענטפערט די פוילישע — איז אויך נישט קיין גוטער.

רעלעם.

## א כשר׳ער עדות

ריכטער (צום עדות): זענט איהר נישט אמאל קיין קרוב פון איינעם פון די צדדים?

עדות: דאכט זיך אז נישט. דער אנקלאגער איז די עלעקטראוניע און דער אנגעקלאגטער איז די טראמוואי־דירעקציע.

—=—



# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט״ נומער 131
דאנערשטאג, דעם 6 יוני 1935



## לכבוד שבועות

# זי זוכט א „תיקון״!...



פאטער: סאלטשעלע, וואס טוסטו דא אזוי שפעט שבועות ביי נאכט?

טאכטער: טאטעשי, איך זוך א „תיקון״...

